ב"ה

# טעראָפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 30

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי און ביטער איז אז מען פארלאזט זיך אויף מענטשן

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, כ"ב כסליו, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

כל זמן דו טראכסט אז דיין הילף וועט קומען פון א בשר ודם - וועט דיר זיין ביטער, "**שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם**" (תהילים ס, יג), דער מענטש קען זיך אליינס נישט העלפן - נו ווי קען ער דיר העלפן?! ווי און ביטער איז אז מען פארלאזט זיך אויף מענטשן, מען דארף זיך נאר פארלאזן אויפן אייבערשטן; איינמאל דו וועסט גוט איינקריצן אין דיר אז נאר דער אייבערשטער קען דיר העלפן און נאר ער העלפט דיר - וועסטו אנהויבן שפירן א זיסע טעם אין לעבן.

גיי אין א ווינקל און ווייז זיך גוט אויס צום אייבערשטן, דערצייל אים אלעס וואס דו גייסט אריבער ברוחניות ובגשמיות - וועסטו געהאלפן ווערן. דער רבי זאגט (ספר המידות אות ישועה, סימן ג): "**עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת בָּא יְשׁוּעָה**".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## איז א פראבלעם צו מאכן טערעפי פאר זעלבסט זיכערקייט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*קודם וויל איך זאגן א גרויסן יישר כח פאר די שיינע שיעורים וואס האט געטוישט מיין לעבן און מיך געברענגט צו רעדן צום אייבערשטן, מיר געגעבן שלום בית, מיר געמאכט ענדיגן שוין האלב ש"ס, מעביר סדרה זיין, און נאך פילע גוטע זאכן.*

*איך ווייס אז דער ראש ישיבה שליט"א האלט נישט פון טערעפי, איך האב אבער געוואלט וויסן אויב טערעפי צו באקומען זעלבסט זיכערקייט איז אויך א פראבלעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת ויגש, ט' טבת, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען רבי נתן איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן איז ער געקומען צום רבי'ן און אים פארציילט אלעס וואס גייט אריבער אויף אים און כו' וכו', האט אים דער רבי געזאגט: "נתן, קום אביסל שפאצירן", אזוי גייענדיג האט דער רבי ארויפגעלייגט זיין האנט אויף רבי נתן'ס אקסל און אים געזאגט אפאר ווערטער, וואס די פאר ווערטער האט געטוישט רבי נתן'ס גאנצע לעבן, דער רבי האט אים געזאגט: "**און ווייטער איז גוט, אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צו א גוטער פריינד**"; דער רבי האט אים דעמאלט מגלה געווען דער ענין פון התבודדות, אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו רעדן צום אייבערשטן אויף זיין שפראך וואס ער איז צוגעוואוינט צו רעדן, און אים אלעס דערציילן, ער זאל גארנישט פארהוילן פונעם אייבערשטן.

דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן אז אויב ער וועט זיך צוגעוואוינען זיך צו פירן מיט די הנהגה, וועט אים אלעס גיין גרינגער און ער וועט האבן א זיס לעבן.

רבי נתן זכרונו לברכה האט שפעטער דערציילט: "ווען דער רבי האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף מיין אקסל און מיר געזאגט די ווערטער '**און ווייטער איז גוט, אז מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן, אזוי ווי מען רעדט זיך אויס דאס הארץ צו א גוטע פריינד**', האב איך פארשטאנען אז איך בין שוין א געהאלפענער, ווייל וואס עס זאל נאר נישט אריבער גיין אויף מיר וועל איך זיך נישט פארלירן, נאר איך וועל גיין צום אייבערשטן און אים אלעס דערציילן".

### אן אויסערגעוועהנליכע טעראפי

די בעסטע טעראפי איז די עצות פון רבי'ן; די עצות פון רבי'ן היילט אויס יעדע ווייטאג און ברענגט דעם מענטש צו שלימות. די עצה פון התבודדות, פון גיין אין א שטילע פלאץ און זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן - דאס איז א רפואה אין אלע בחינות, מען ווערט אויסגעהיילט בגוף ונפש, און אויך ווערט מען א גרויסער צדיק.

ווער עס פאלגט דעם רבי'ן, יעדן טאג רעדט ער זיך אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, אויך דאנקט ער דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ער האט, ער בעט אויף אלעס וואס ער דארף און ער דערציילט פארן אייבערשטן אלעס וואס באדערט אים, און אויב מען איז אראפגעפאלן און געטון שלעכטע מעשים - דערציילט מען עס פארן אייבערשטן, און מען בעט אים ער זאל מוחל זיין - דאס בויט אויף די זעלבסטזיכערקייט און מען לעבט שוין דא בזה העולם אין 'גן עדן'; אזא מענטש לעבט א חיים טובים, ער לעבט

מיט אמונה, ער ווייסט אז קיינער קען אים נישט טשעפען און קיינער קען אים גארנישט שלעכטס טון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## איך האב פארלוירן מיין פרנסה, און מ׳האט געטראפן א געוויקס ביי מיין ווייב

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים, התחזקות, שלום בית, מיך מאכן לערנען יעדן טאג און נאכדערצו אינדערהיים, מיין ווייב קוקט מיר מורא׳דיג ארויף!*

*איך בין אזוי צובראכן, איך האב פארלוירן מיין דזשאב. נעכטן האט עס ממש געפלאצט! דא מיט מיין ווייב וואס מ׳האט געטראפן ביי איר א געוויקס רח"ל, און איך ווייס נישט וואס צו טון...*

*איך וויל מיר נישט אפרעדן, אבער איך שטיק זיך. איך האב נישט דערציילט פאר מיין ווייב אז איך האב פארלוירן מיין דזשאב ווייל איך ווייס אז ס׳נישט גוט. אפשר קען מיר די ראש ישיבה געבן חיזוק...*

*א גרויסן יישר כח פאר אלעס!!!*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת ויצא, ד׳ כסליו, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער אייבערשטער זאל העלפן דיין ווייב זאל האבן א רפואה שלימה בתוך שאר חולי ישראל, אויך זאלסטו האבן פרנסה בריווח.

חכמינו זכרונם לברכה פארציילן (תענית ח.) אין די צייטן פון רבי שמואל בר נחמני איז געווען א מגיפה, מענטשן זענען געשטארבן. אין די זעלבע צייט איז געווען א שווערע הונגער, עס האט נישט גערעגנט א גאנץ יאר, עס איז נישט געווען וואס צו עסן; האבן די מענטשן געטראכט: ׳וואס טוט מען דא, אויף וועלכע צרה זאל מען בעטן דעם אייבערשטן, חז"ל זאגן דאך (שם): "לָא מְצַלִּינָן אַתַּרְתֵּי", מען קען נישט מתפלל זיין אויף צוויי צרות?!׳ האבן זיי געזאגט: ׳וועלן מיר בעטן דעם אייבערשטן אז די מגיפה זאל זיך אפשטעלן, ווייל דאס איז א ערגערע צרה, און מיר וועלן דארפןליידן פון די הונגער׳. האט רבי שמואל בר נחמני געזאגט: "ענדערש זאל מען בעטן דעם אייבערשטן אז די הונגער זאל זיך אויפהערן, וועט זיך אטאמאטיש די מגיפה אויפהערן, ׳דְּכִי יָהִיב רַחֲמָנָא שׂוֹבְעָא׳, ווייל ווען דער אייבערשטער גיבט עסן - ׳לְחַיֵּי הוּא דְּיָהִיב׳, גיבט ער עס פאר לעבעדיגע מענטשן, נישט פאר טויטע".

ווען איך פלעג לערנען די גמרא איז מיר אייביג שווער געווען, פארוואס קען מען נישט בעטן דעם אייבערשטן אויף צוויי צרות, דער אייבערשטער איז א כל יכול, דער אייבערשטער קען אלעס טון, פארוואס זאגן חז"ל "לָא מְצַלִּינָן אַתַּרְתֵּי", אז מען מאכט נישט קיין יום תפילה אויף צוויי צרות?! האב איך געהערט א שיינער פשט פון ר׳ יצחק שליט"א. ווען א מענטש האט צרות, פאלט אריין אין א יאוש, דער מענטשנ׳ס מח קען נישט פארנעמען אפאר פראבלעמען אויף איינמאל, דערפאר זאגן חז"ל אז ווען עס איז דא מער ווי איין פראבלעם זאל מען נישט מאכן א יום תפילה אויף אלע פראבלעמען צוזאמען, ווייל דאס וועט נאר אריין ווארפן דעם מענטש אין א יאוש, ער וועט דערשראקן און פארלוירן ווערן, ענדערש זאלן מען צעטיילן די פראבלעמען, זען יעדע פראבלעם עקסטער ווי אזוי מען קען דאס באהאנדלען, וועט דער מענטש שוין נישט זען פאר זיך א בארג מיט פראבלעמען, ער וועט ווערן פול מיט האפענונג זעענדיג אז איין טאג וועט ער ארויס גיין דערפון.

אודאי קען דער אייבערשטער העלפן אויף סיי וואסערע פראבלעם, און ער קען העלפן אסאך פראבלעמען, נאר מען רעדט צום מענטש: "דו בעט נישט אויף אפאר זאכן, ווייל דאס וועט דיר אריין ווארפן אין א פאניק וכו׳, מען זאל נישט טראכטן פון אלע פראבלעמען אויף איין מאל, ווייל דאס וועט דיר נאר צעברעכן".

דערפאר בעט איך דיר זייער, פארליר דיך נישט, לאמיר צונעמען יעדע זאך באזונדער. בנוגע דיין ווייב, צי מען זאל איר אפערירן וכו׳; יעדעס מאל ווען מען דארף אריבערגיין אן אפעראציע איז גוט צו פרעגן צוויי דריי דאקטורים, נאכדעם זעט מען וואס מען האט צו טון. דערפאר זאלסטו זיך נאכפרעגן ביי עטליכע דאקטורים, אזוי וועסט ארויס קומען קלאר וואס מען האט צו טון.

איין זאך געב אכטונג - פארליר דיך נישט; בפרט יעצט דארפסטו זיין דער העלד אין שטוב, ווייל ווי דערשראקן דו ביסט, איז דיין ווייב אסאך מער דערשראקן, זיווארט אויף דיין חיזוק, זי קוקט אויף דיר ווי אזוי דו רעאגירסט, אז דו וועסט צוזאמברעכן וועט זי אודאי ווערן א שברי כלי. זיי איר מחזק אז זי וועט ארויס קריכן פון דעם, זאג איר אז אלעס איז דער אייבערשטער, און עס וועט זיכער ארויס קומען פון דעם נאר גוטס.

### עס איז אנגעגרייט פאר דיר א בעסערע פרנסה

ובנוגע דיין פרנסה; עס איז נישט עק וועלט אז מען האט דיר אפגעזאגט פון דיין ארבעט, דער אייבערשטער וואס ער איז דער "זן ומפרנס לכל", ער האט פאר דיר אנגעגרייט א בעסערע פרנסה, א בעסערע ארבעט; דו וועסט נאך זען און ווי שיין דער אייבערשטער וועט אויספירן מיט דיר, א מענטש ווייסט גארנישט, א מענטש ווייסט נישט וואס גייט זיין מיט אים אין די קומענדיגע מינוט, מיר דארפן גלייבן אז אלעס איז דער אייבערשטער, ער פירט דער וועלט בחסד וברחמים, און אז מען האט דיר ארויס געשיקט פון דיין ארבעט וועסטו טרעפן א צווייטע פרנסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן דיין ווייב זאל זיין געזונט און שטארק, און דו זאלסט האבן פרנסה בריווח. בקרוב זאלסטו מיר שרייבן די ניסים וואס דער אייבערשטער וועט טון מיט דיר.

**מעג איך זיך אריינמישן ווען מיינע עלטערן קריגן זיך?**
**ווי אזוי קען מען זיך גרייטן פרייליכערהייט צום יום טוב פסח?**

*קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*